ניו יאָרק, 25 יוני, 1972

ליבער פֿריינד דוד־הירש ראָסקעס,

אייער כּתבֿ פֿון 18טן יוני האָב איך דערהאַלטן נעכטן אין קיו־גאַרדנס, נ.י. הײַנט זענען מיר בלויז אויף צוויי טעג צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק און איבערמאָרגן, דינסטאָג, נאָכן פֿאַרפּאַקן זיך, פֿאָרן מיר אַרויס אויף צוויי חדשים (אַפֿשר מער אַ ביסל) קיין בעל האַרבאָר, נ.י., וואו מיר פֿאַרברענגען לעצטנס זומערן. דעם חודש יולי וועלן מיר, דען, זײַן אין בעל האַרבאָר (צוליב אַ סיבה האָבן מיר אַזוי אויך פֿאַרשפּעטיקט דאָסמאָל). איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז ווען נישט דאָס — וואָלטן מיר אײַך און אײַער פֿרוי זייער שטאַרק געוואָלט האָבן בײַ אונדז צו גאַסט. עפּעס אַ קליינינקע — זען מיט די אייגענע אויגן דעם המשך, ווייסן, אַז דאָס פֿאַרלאַנגטע איז אײַנגעגאַנגען, אַז ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָך פֿונדעסטוועגן — נישט געקוקט אויף אַלע מכשולים — אַ נאָכוואַקס און אַ ווײַטערגאַנג.

פֿאַרזיכערט אײַך אונזער גרוס = צו דריטס!

A. Zeitlin
222 Beach 139 ST.
Belle Harbor, N.Y.

דעם טעלעפֿאָן ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט („בעל“ ליגט ביי אויס, כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס,) ווי אַזוי פֿאַרבינדן זיך). שרײַבט מיר [illegible] אַ בריוול, אַפֿשר וועט מען זיך קענען [illegible] טרעפֿן — מיט אײַך און אײַער דינה — און האָבן אַ ביסל נחת פֿונעם נאָכוואַקס, וואָס רײַסט זיך אַדורך דורך דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

מיט האַרציקע גרוסן פֿון מיר און מײַן רחל,

אײַער פֿרײַנד אין צוזאַמענגעהעריקייט און באַזונדער [illegible], א. צ.